# אַ היים

וויש אָפּ פֿון הוימלאָזע דעם שטויב פֿון וועגן,
זיי קומען אויפֿבויען אַ סימן־היים
מיט ליכטיקע מחשבות פֿון בעל־שם.

עס קומט זיי קיינער נישט גוטמאָרגנדיק אַנטקעגן,
נאָר הינטער זיי גייט נאָך דורך יעדער גאַס
אַ קאַפּעליע פֿון אַ בערל־שמערל־באַס.

ווער זענען זיי, די הוימלאָזע, ווער?
נביאים זענען זיי, וואָס ווי אַמאָל,
זיי נידערן אַראָפּ אַצינד צום טאָל.

גאָמס אַטעם וועט זיי מער שוין נישט פֿאַרלאָזן,
זיי קומען איינזאַמלען דעם גרויסן בראָך,
ווי ס׳פֿלעגט אַ שבת איינזאַמלען די טעג פֿון וואָך.

דער גרויסער צאָרן האָט זיך אויף זיי אויסגעגאָסן,
לייכט איצט אין די הערצער זייערע דערפֿאַר
אַ ליכט אַזאַ, וואָס שטראַלט אַרויס פֿון צער.

דאָס ליכט וועט שטראַלן אויף ליים און ציגל,
אַריינשטראַלן דורך די פֿענסטער פֿון דער היים,
ווי ליכטיקע מחשבות פֿון בעל־שם.